

NEW YORK STATE Workers' Compensation Board

# העלט קעיר בענעפיטן

**העלט קעיר צו באהאנדלען אייער ארבעט-פארבינדענע שאדן אדער קראנקהייט איז אן ארבעטער'ס פארגיטיגונג בענעפיט וואס ווערט צוגעשטעלט אומזיסט צו אייך פארן לעבן, סיידן איר דערגרייכט א שליכטונג וואס דערקלערט אנדערש.**

## איבערבליק

העלט קעיר פאר אייער ארבעט-פארבינדענע שאדן אדער קראנקהייט ווערט געדעקט נישט קיין חילוק אויב איר פארלירט צייט פון ארבעט אדער איר באקומט א בענעפיט פאר פארלוירענע געהאלט. מעדיצינישע בילס ווערן דירעקט באצאלט צו אייער העלט קעיר פראוויידערס דורך אייער ארבעטגעבער'ס ארבעטער'ס פארגיטיגונג אינשורער.

אויב איר ווערט געשעדיגט אדער קראנק ביים ארבעט, מעלדט אייער ארבעטסגעבער, שריפטליך, אינערהאלב 30 טעג. איר זאלט אויך אריינגעבן אן ***Employee Claim (ארבעטער קלעים) (בויגן C-3)*** מיטן ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד [NYS Workers' Compensation Board] (באורד). די בויגנס געפונען זיך אויפן באורד'ס וועבזייטל wcb.ny.gov.

העלט קעיר פראוויידערס מוזן זיין אויטאריזירט דורכן באורד צו באהאנדלען געשעדיגטע ארבעטערס. איר קענט זוכן פאר אן אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידער אויפן באורד'ס וועבזייטל, wcb.ny.gov. אויב איר האט פראבלעמען מיט אייער קעיר אדער דארפט הילף צו טרעפן אן אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידער, רופט די באורד'ס מעדיקעל דירעקטאר'ס אפיס אויף (800) 781-2362. איר קענט באקומען קעיר פון אייער אייגענעם דאקטאר אויב זיי זענען אויטאריזירט ביים באורד.

העלט קעיר פראוויידערס וועלן דירעקט ביל'ן דעם אינשורער. באצאלט נישט קיין מעדיקעל בילס סיידן די באורד נעמט נישט אן אייער קלעים אדער איר גייט דאס נישט נאך. אייער דאקטאר (דאקטוירים) קענען אייך בעטן אונטערצושרייבן א מעלדונג פון פאראנטווארטליכקייט, באקאנט אלץ א ***בויגן A-9***, וועלכע דערקלערט אז איר וועט באצאלן די מעדיקעל בילס אויב די באורד ערלויבט נישט אייער קלעים, אדער אויב איר האט אפגעלאזט אייער קלעים איידער עס ווערט אנגענומען.

אויטאריזאציע איידער די באהאנדלונג איז אפטמאל פארלאנגט, און וועט ווערן אפגענומען דורך אייער פראוויידער(ס).

## פארזיכערונג פון הויכע-קוואליטעט קעיר

באהאנדלונג פאר געוויסע צושטאנדן און שאדן צו געוויסע קערפער טיילן ווערן געדעקט אונטער די ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד'ס ***ניו יארק מעדיקעל באהאנדלונג אנווייזונגען (Medical Treatment Guidelines, MTGs)***. די ***MTGs*** זענען געשאפן געווארן צו פארזיכערן אז איר באקומט די בעסטע מעדיצינישע קעיר פאר אייער שאדן, כדי איר זאלט קענען בעסער ווערן, זיך צוריקקערן צום ארבעט, און ווייטער אנגיין מיט אייער לעבן. זיי זענען אנטוויקלט געווארן מיט די פעאיגקייט פון דאקטוירים איבער די לאנד וועלכע ספעציעליזירן זיך אין העלפן מענטשן וועלכע זענען געשעדיגט געווארן ביים ארבעט. די ***MTGs*** קען אויך פארמינערן רויטע טעיפ וויבאלד מערסטנס פון די רעקאמענדירטע באהאנדלונגען זענען באשטעטיגט פון פארדעם. דאס מיינט וויי ניגער צייט צו ווארטן פאר באהאנדלונג — כדי איר זאלט זיך אנהויבן שפירן בעסער שנעלער.

אייער העלט קעיר פראוויידער(ס) וועלן וויסן וועלכע וואונדן און קראנקהייטן ווערן אדרעסירט דורך די ***MTGs***. זיי וועלן פארזיכערן אז אייער באהאנדלונג איז אין איינקלאנג מיט די בעסטע פראקטיקן ענטהאלטן אין זיי.

זוכט פאר א באורד-אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידער אויף wcb.ny.gov/health-care-provider-search. פאר מער הילף מיטן טרעפן אן אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידער, ביטע פארבינדט זיך מיטן מעדיקל דירעקטאר'ס אפיס אויף (800) 781-2362.

## סארטן פון סערוויסעס געדעקט

| | | | |
|---|---|---|---|
| מעדיצינישע און אסטיאפעטיק | פסיכיאלאגיש (דורך רעפערעל) | שפיטאל קעיר | נורסינג סערוויסעס |
| דענטאל | קייראפראקטער באהאנדלונג | לאבאראטאריע טעסטס | כירורגישע געצייג |
| פיס דאקטער | אפעראציע | פרעסקריפשען דראגס | פראסטעטיק געצייג |

## פראוויידער נעטווארקס

אין צוגאב צו נוצן אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידערס, קענען אינשורערס אויפשטעלן נעטווארקס וועלכע איר קענט ווערן פארלאנגט צו נוצן.

- **דיאגנאסטישע נעטווארקס:** אינשורערס קענען אייך מעגליך פארלאנגען צו נוצן זייער פאסיליטעט נעטווארק פאר דיאגנאסטישע אונטערזיכונגען (אויסער אין א מעדיצינישע עמערדזשענסי). זאגט פאר אייער פראוויידערס אויב די אינשורער האט די פאדערונג.
- **אפטייק נעטווארק:** אינשורערס קענען אייך מעגליך פארלאנגען צו נוצן א נעטווארק אפטייק. אויב יא, ביטע זאגט פארן אפטייקער אז איר האט אן ארבעטער'ס פארגיטיגונג קעיס; די אפטייק וועט דירעקט ביל'ן דעם אינשורער. עס זענען נישטא קיין קאו-פעימענטס. פונדעסטוועגן, קען די אפטייק אייך בעטן צו באצאלן פאר די פרעסקריפשאן ביים צייט פון סערוויס. די אינשורער מוז אייך צוריקצאלן אין איינקלאנג מיט רעגולאציע און די פארמעסיוטיקל פי סקעדזשול. אין א מעדיצינישע עמערדזשענסי, דארפט איר נישט נוצן דעם נעטווארק אפטייק פון אייער ארבעטסגעבער'ס אינשורער. איר קענט אויך נישט ווערן פארלאנגט צו באקומען פרעסקריפשאנס דורך מעיל ארדער. אויב מעיל ארדער פרעסקריפשאנס זענען נישט אוועילעבל, דארף א נעטווארק אפטייק זיין אינערהאלב 15 מייל פון אייער היים אדער ארבעטספלאץ אויב איר וואוינט אין א רורעל געגנט, אדער אינערהאלב פינף מייל אויב אייער היים איז אין א סיטי, טאון, אדער ווילעדזש וואס האט א באפעלקערונג פון 2,500 אדער מער.
- **אויסדערוועלטע פראוויידער ארגאניזאציעס (Preferred Provider Organizations, PPO):** אינשורערס קענען אייך מעגליך פארלאנגען צו נוצן זייער PPO פאר אייער מעדיצינישע קעיר. די אינשורער מוז אייך מעלדן אויב עס נוצט א פראוויידער נעטווארק. אויב איר זענט נישט צופרידן מיט די PPO קעיר, קענט איר אויסוועלן אן אויטאריזירטע העלט קעיר פראוויידער אינדרויסן די PPO נאך 30 טעג פון באהאנדלונג.

## קעיר אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט

איר קענט פארזעצן צו באקומען מעדיצינישע קעיר פאר אייער קלעים אפילו אויב איר זענט אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט. באהאנדלונג צוגעשטעלט אינדרויסן פון סטעיט מוז זיין אין איינקלאנג מיט די רעקאמענדאציעס אין די *MTGs*.

## רייזע און אנדערע אויסגאבן

איר קענט מעגליך ווערן צוריקבאצאלט פאר מיילעדזש, פובליק טראנספארטאציע, אדער אנדערע נויטיגע אויסגאבן באקומען ביים רייזן פאר באהאנדלונג אדער זעלבסטשטענדיגע מעדיצינישע אונטערזיכונגען. געבט אריין רעסיטעס פאר די אויסגאבן כאטש יעדע זעקס מאנאטן צו די באורד און צום אינשורער נוצנדיג דעם ***Claimant's Record of Medical and Travel Expenses and Request for Reimbursement* (קלעימענט'ס רעקארד פון מעדיצינישע און רייזע אויסגאבן און פארלאנג פאר צוריקבאצאלונג) (בויגן *C-257*)**, אויפן באורד'ס וועבזייטל, wcb.ny.gov.

## וואקעישענאל ריהעביליטעישאן & סאושעל ווארק

די באורד שטעלט צו אומזיסטע ריהעביליטעישאן סערוויסעס וואס קענען אייך העלפן צוריקגיין אין ארבעט און פירן א מער פולע און אקטיווע לעבן. ספעציפישע סערוויסעס ווערן ערקלערט אונטן.

- **וואקעישענאל ריהעביליטעישאן:** וואקעישענאל ריהעביליטעישאן קען אייך העלפן אויב אייער דיסאביליטי פארמיידט אייך פון צוריקגיין צו אייער געוועגליכע ארבעט. באורד קאונסלערס העלפן אייך טרעפן אן ארבעט וואס פאסט פאר אייערע פעאיגקייטן. זיי העלפן אויך אנטוויקלען א פלאן פאר אייך צוריקצוגיין צו די ארבעט. דאס קען אריינרעכענען וואקעישענאל קאונסעלינג און רעפערלס פאר טרענירונג און סעלעקטיוו דזשאב פלאצירונג.
- **סאושעל ווארקערס:** באורד סאושעל ווארקערס קענען אייך העלפן זיך ספראווען מיט אייער דיסאביליטי און דורכשמועסן זארגן וועגן ריהעביליטעישאן. באורד סאושעל ווארקערס קענען אייך אויך העלפן ווען פאמיליע אדער פינאנציעלע פראבלעמען שטערן אייער צוריקקערן צום ארבעט. דאס קען אריינרעכענען האנדלען פאר אייך מיט קרעדיטארס, אזוי ווי לענדלארדס אדער יוטיליטי פירמעס, צושטעלן רעפערעלס פאר סאושעל סערוויסעס, אריינגערעכנט עסנווארג און הייצונג הילף פראגראמען, און מאכן רעפערעלס פאר קאונסעלינג און באהאנדלונג.

די באורד האט קאונסלערס, סאושעל ווארקערס, און קלעימס אונטערזיכער וועלכע קאארדענירן און פאלגן נאך אויף מעדיצינישע און פיזישע ריהעביליטעישאן סערוויסעס. אויב איר קענט בענעפיטירן פון די סערוויסעס, פארבינדט זיך מיט באורד.

## שפראך הילף

דער באורד וועט איבערזעצן דאקומענטן אין סיי וועלכע שפראך איר דארפט. עס וועט אויך צושטעלן א דאלמעטשער פאר אייערע הירינג, אן קיין קאסטן פאר אייך.

ביטע רופט (877) 632-4996 צו ערלעדיגן איבערזעצונג אדער דאלמעטשינג. אויב איר נוצט ווירטועלע הירינגס, האט איר אויך דעם אויסוואל פון פארלאנגען א דאלמעטשער דורכאויס די טשעק-אין פראצעדור.

YI-WCB-INJ-HealthCare-v4 4/24 Yiddish

די ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד באשיצט די רעכטן פון ארבעטער און ארבעטסגעבער דורך פארזיכערן די ריכטיגע אויספיר פון בענעפיטן און דורך מוטיגן איינקלאנג מיטן געזעץ. צו אויסגעפינען מער וועגן די באורד, באזוכט wcb.ny.gov. שרייבט זיך איין פאר באורד מעלדונגען אויף wcb.ny.gov/Notify